יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

# לאדזשער פאלקסבלאט

№ 130 | Łódź, Wtorek, 5 czerwca 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, כב סיון תרצ״ד | № 130

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# די „נארא" ווערט פינאנסירט

## מיט גרויסע געלד=מיטלען דורך דער נאצ.=סאציאליסטישער פארטיי אין דייטשלאנד

וו א ר ש א, 4 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט)

אונזער קארעספאנדענט אין ווארשא, האט היינט געהאט א שמועס מיט אנ'צנדעקישען זשור-נאליסט, וועלכער איז א הויפט-מיטארבייטער פון אנ'איינפלוסרייכע ענדעקישע צייטונג אין ווארשא.

דער דאזיגער זשורנאליסט איז א שארפער בעננער פון די כוליגאנישע מעטאדען פון די „נא-רא"-לייט".

דער שמועס איז אויך געפיהרט געווארען וועגען דער „נארא", וועלכע טעראריזירט בסדר די יודישע בעפעלקערונג אין ווארשא, דורך גאסען-בעשלעגען.

דער זשורנאליסט האט אונזער קארעספאנ-דענט געגעבען פאלגענדע אינפארמאציעס וועגען דער „נארא"-ארגאניזאציע:

די „נארא"-ארגאניזאציע ווערט אונטערשטיצט מיט גרויסע געלד=מיטלען פון דייטשלאנד, נישט פון דער דייטשער היטלעריסטישער רעגירונג, נאר פון דער אויסערן-אפטיילונג ביי דער נאציאנאל=סאציאליסטישער פארטיי. די דאזיגע אקציע ווערט אנגעפיהרט דורכ'ן טרויעריג-בעריהמטען ראָ-זענבערג.

דאס געלד איז בעשטימט אויף פאלגענדע צוועקען: 1) צו צפעגען נייע „נארא"-לאקאלען אין די פערשידענסטע ערטער. 2) צו דעקען די גרויסע דעפיציטען פון דער „שטאפעטא", וואס ווערט אין א זעהר גרויסע צאהל פערטיילט אומזיסט, און 3) צו צאהלען די מיטגלידער פון „נארא" צו 5 זל. א טאג פאר זייערע כוליגאנישע ארבייטען.

די געלד=אויסצאהלונגען ווערט געגעבען אין דער פארם פון ארבייטסלאזע אונטערשטיצונג. די מיטגלידער פון „נארא" רעקרוטירען זיך ס'רוב פון טונקעלע עלעמענטען, וועלכע האבען שוין אויך אנגעהערט צו אנדערע ריכטונגען און זענען דא מהער איבערגעלאפען, ווייל זיי האבען דא מעג-ליכקייטען אויסצואיבען זייערע נידריגסטע אינ=סטינקטען.

די ענדעקישע ארגאניזאציע איז ווייט נישט צופרידען פון דער „נארא". וועלכע שטעלט אין שאטען, דורך זייערע כוליגאנישע שטיק די ענדע-קישע פיהרערס.

א חוץ דעם גלאריפיצירען די „נארא"-לייט דעם דייטשען היטלעריזם און די ענדעקעס נישט.

אלס בעווייז פון דער נאהענטקייט וואס עס הערשט צווישען דער „נארא" און דעם דייטשען היטלעריזם קען דינען דער פאקט, וואס די „נארא" נעמט שוין איצט אן שריט אויסצווירקען אנ'=אוידיענץ ביים היטלעריסטישען מיניסטער געבעלס, וועלכער האלט ביים קומען קיין ווארשא, כדי איהם אפצוגעבען א בעריכט פון דער „נארא"-טעט=טיגקייט אין ווארשא.

# פראנצויזישע, ענגלישע און דייטשע פרעסע וועגען קאמפראמיס אין ענין סאאר-געביט

פ א ר י ז, 4. (ספ. טעל.)

די גאנצע פרעסע בריגגט אויספיהרליך דעם פערעפענטליכטען בעריכט וועגען די פערארדנונגען, וואס זענען ארויסגעגעבען געווארען בנוגע דעם פלעביסציט אין סאאר-געביט.

„פטי פאריזיען" שטעלט פעסט אז די פערארד-נונג איז א רעזולטאט פון די פראנצויזיש-דייטשע אונטערהאנדלונגען און ענטהאלט גאראנטיעס פון אדורכפיהרען דעם פלעביסציט נישט איינזייטיג. דער געשלאסענער אפמאך וועט פערשטארקען דעם אנ-זעהען פון דער פעלקער-ליגע.

„עכא דע פארי" זאגט זיך ארויס קריטיש וועגען דעם אפמאך. אנווייזענדיג אז די מיטלען, וואס זענען פארגעלעגט געווארען דורך דער קאמי-סיע זענען נישט גענוג. די צייטונג שטרייכט אונטער אז מען דארף בעסער אפלייגען דעם טערמין פון פלעביסציט, כדי צו פערזיכערן די בעפעלקערונג פולשטענדיגע פרייהייט צו קענען אויסזאגען איהר ווילען.

לאנדאן, 4. (ספ. טעל.)

„טיימס" רעדט ארום דעם אפמאך וואס ענט-האלט דעם קאמפראמיס אין דער פראגע וועגען סאאר-געביט, און שטעלט פעסט אז דער אפמאך האט א גרויסע בעדייטונג, עס איז אזוי ארום בעזיי-טיגט געווארען א זעהר שארפער קאנפליקט.

בערלין, 4. (ספ. טעל.)

די דייטשע פרעסע שרייבט מיט צופרידענהייט וועגען בעשטימטען טערמין פון פלעביסציט אין סאאר-געביט.

„דיפלאמאטישע פאליטישע קארעספאנדענץ" שטעלט פעסט אז די דאזיגע שטעלונג איז דער ער-שטער שריט צו בערוהיגען די געמיטער פון דער ארטיגער בעפעלקערונג.

„בערזען צייטונג" דריקט אויס די האפנונג, אז איצט שטעהט שוין גאר נישט אין וועג צוצוגרייטען און אדורכצופיהרען דעם פלעביסציט.

גענף, 4. (ספ. טעל.)

אין משך פון היינטיגען טאג האט דער פאר-זיצער פון דער קאמיסיע פון דער פעלקער-ליגע, פארן ענין סאאר-געביט בעקומען א בריף פון די אויסערן-מיניסטארען פון פראנקרייך און דייטש-לאנד מיט דער פעסטשטעלונג אז זיי בעשטעטיגען דעם אפמאך ווע'ן פלעביסציט אין סאאר-געביט.

אויף די אויסגאבען פון פלעביסציט, האבען פראנקרייך און דייטשלאנד אסיגנירט צו גיבן מיליאן פראנק און די פעלקער-ליגע קאמיסיע האט אויך אַ-סיגנירט א מיליאן פראנק.

Wszystkim, którzy oddali hołd Zwłokom naszego kochanego męża, ojca i dziadka

B. P.

STANISŁAWA

JAROCIŃSKIEGO

tą drogą składa gorące podziękowanie

RODZINA.

Dr.

Wajnberg

ספעצ. פון לונגען, הארץ און סקלעראָזי-קראנקהייטען

צוריקגעקעהרט

וואוינט יעצט פיעטריקאווער 145

טעל. 126-02.

נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—4, 8—9 אוו.

אוירען, נאז און האלז

קליניק

מיט בעטען פון Dr.

Z. Rakowski

פיעטריקאווער 67, טעל. 127-81

נעהמט אן שטענדיגע קראנקע (צוועק אפעראציע א. ז. וו.) ווי אויך אמבולא-טארישעס פון 11—2 און פון 5—8 אוונט.

זונטאג איז אויף א טראגישען אופן אומגעקומען

ח' מאיר שפערעק

לאנגיעהריגער מיטגליד פון טראנספארט-ארבייטער-פעראיין.

מיר רופען די ארבייטערשאפט אנטייל צו נעהמען אין דער לויה, וועלכע קומט פאר פון בית עולם היינט, 3 א זייגער נאכמיטאג.

די פערוואלטונג

פון טראנספארט=ארבייטער=פעראיין

Szkoła Zrzeszeniowa

p. n. „ANUKA i WYCHOWANIE"

przy ul. Piłsudskiego 62

אין דער שול וועלען אנגעווענדעט ווערען די נייעסטע פעדאגאגישע און מעטאדישע דערגרייכונגען. אויסער די אלגע-מיינע לימודים אין די ראהמען פון רעגירונגס-פראגראם, וועלען אויך געלערענט ווערען יודאיסטיק און פרעמדע שפראכען.

ביי דער שול וועט געעפענט ווערען: א מוסטערהאפטע פרעבעל-שול און א פסיכאלאגיש-פעדאגאגישע בעראטונגס=ביוראַ (צו בעקומען עצות וועגען קינדער-ערציהונג)

איינשרייבונגען נעהמט מען אן די צייטווייליגע קאנצעלאריע וואול-טשאנסקא 10, ה. 15, יעדען טאג פון 10—2 און פון 4—7 נאכמ.

